בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר שמות

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת שמות

# חיזוק פאר אידן

### פרנס השבוע

נתנדב ע"י

מו"ה **חיים זאב שטערנליכט** הי"ו

**לרגל הולדות בתו למז"ט**

לרפואת שלימה

**יהודא בן רחל** בתושח"י

לזכות ולרפואת

**רעכיל לאה בת רבקה**

צו מנדב זיין רופט:

**347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**



© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת שמות
שנה ד׳

# חיזוק פאר אידן

תוכן:

חלק א. משה רבינו איז מחזק אידן - חלק ב. זיי מחזק דיינע ברידער - חלק ג. שמייכל צו דיינע ברידער

## חלק א. משה רבינו איז מחזק אידן

### דער גרעסטער מענטש אין די היסטאריע

משה רבינו, אונזער רבי משה, איז געווען דער גרעסטער מענטש אין די היסטאריע; דער גרעסטער בעל מדריגה ווי סיי ווער עס האט נאר אמאל באטראטן די ערד אויף דער וועלט. ווען עס שטייט **וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה** - עס איז קיינמאל נישט אויפגעשטאנען נאך א נביא ווי משה (דברים לד:י), מיינט עס אז עס איז נישט געווען קיינמאל נאך אזא גרויסער מענטש ווי ער. קיינמאל פריער אדער שפעטער וועט זיין א מענטש ווי משה רבינו; ער איז געווען איינס אין די וועלט.

**אֲשֶׁר יְדָעוֹ הַשֵּׁם פָּנִים אֶל פָּנִים** - דער באשעפער האט זיך באוויזן צו אים פנים צו פנים (שם.) **פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ** - ער האט גערעדט מיט׳ן באשעפער ווי א מענטש רעדט מיט זיין חבר (במדבר יב:ח). ער איז דער וואס האט אונז אראפגעברענגט די תורה. אלעס שטייט אויף די פלייצעס פון דעם גרויסן מאן! און ער איז געווען דער העלד פון אונזער פאלק.

אלזא, מיר פארשטייען אז אזא מענטש, אזא פערזענליכקייט, איז נישט סתם אזוי אויסדערוועלט געווארן דורכ׳ן באשעפער, עס מוז זיין א סיבה. עס זענען דא פיל טעמים. און איך, מיט מיין קליינער קאפ וועל נישט קענען אויסרעכענען אלע פון זיי, אבער טייל דערפון קענען מיר לייכט זען אליין.

### הויעך און שטארק

ערשטנס, משה רבינו איז געווען א הויכער מענטש; חז״ל זאגן אז ער איז געווען זייער הויעך און שיין. למעשה, נידעריגע מענטשן דארפן נישט פילן באליידיגט, אבער דאס איז ווי אזוי עס איז; א מנהיג דארף זיין איינער פון וועמען מיר דארפן מורא האבן. די גמרא (סנהדרין יז.) זאגט אז מ׳האט נישט געקענט אויסוועלן א נידריגער מענטשן צו זיין פון צווישן די סנהדרין ווייל ווען דער שופט

שטעלט זיך אויף און פרעגט, "דו זאגסט מיר דעם אמת?!" דאן דארף זיין הויכע געשטעל ווארפן א פחד. ס'זענען דא פיל ווייניגער אויסזיכטן אז מ'וועט זאגן א שקר שטייענדיג קעגן א הויכער מענטש וואס שרייט אויף אים. ממילא איז אין די סנהדרין געווען נאר הויכע לייט.

להבדיל, צוליב די סיבה פלעגן די פאליציי לייט אין נוא יארק סיטי זיין זעקס פיס הויעך; דער בלויזער פאקט אז א זעקס פיסיגער אין מונדירען איז געשטאנעןביים ווינקעל איז געווען גענוג צו אריינלייגען א פחד אין דיין הארץ.

אזוי אויך משה רבינו איז אויסגעוועלט געווארן ווייל ער איז געווען זייער הויך. ער איז אויך געווען שטארק. איר געדענקט ווען **וַיַּרְא אִישׁ מִצְרִי מַכֶּה אִישׁ עִבְרִי מֵאֶחָיו** - ער האט געזען א מצריי'שער אויפזעער וואס האט געשלאגן איינער פון די עברים (שמות ב:יא). משה רבינו האט אויפגעהויבן זיין ריזיגן פויסט - ער האט געהאט א ריזיגער פויסט, ווי א זאק פון מעל - און ער האט אים געגעבן א זעץ. ער האט געגעבן פאר דעם מצרי איין קנאק און גלייך איז שוין געווען א לוי'. ער איז געווען אן אויסערגעוועונליכער מאכטפולער מענטש.

## א שיינער מענטש

משה רבינו איז אויך געווען אויסערגעוועונליך שיין. איר געדענקט ווען ער איז געבוירן געווארן, האט זיין מאמע געזען **כִּי טוֹב הוּא** - אז ער איז גוט. מיט די ווערטער האט זי נישט געמיינט דאס אז ער איז א למדן, אז ער איז אן עילוי. זי האט נישט געמיינט דאס אז ער האט גוטע מידות; דאס האט זי נישט געקענט זען. קען זיין על פי האמת זאגט אונז די מדרש אז עס איז אזוי געווען, אבער זי האט עס נישט געקענט זען. **אִי טוֹב** מיינט, אז זי האט געזען אז ער איז שיין. יוסיפון, ווען ער באשרייבט די היסטאריע פון תנ"ך, זאגט ער אונז (קדמוניות היהודים ב, ט, ה-ו), אז משה רבינו איז געווען אויסנאם שיין, אז ער איז געווען באוואוסט מיט זיין שיינקייט.

איר האט קיינמאל נישט געטראכט פון דעם, האט איר דען? משה רבינו איז געווען א גוט אויסזעענדער מענטש - הויעך און שטארק און שיין.

אבער איר דארפט וויסן, אויב עס וואלט געווען נאר דאס, וואלטן מיר קיינמאל נישט געהערט איבער אים. ווייל עס זענען געווען פיל הויכע און שיינע מענטשן אין אונזער היסטאריע וואס זענען קיינמאל גארנישט אויסגעשטיגן. זיי זענען געווען הויכע און שיינע 'גארנישטס'. און אזוי, איז דאס געווען בלויז א קליינער טייל פון די מעשה. אויב ווילן מיר באמת וויסן וואס עס איז געווען דאס וואס האט געמאכט משה אויף משה רבינו דארפן מיר ארייננקוקן אין די תורה.

## נישטא קיין ביאגראפיע

דער אמת איז, איבער משה רבינו, דער גרעסטער מענטש וואס האט אמאל געלעבט, ווייסן מיר כמעט גארנישט. ס'איז מערקווירדיג ווי ווייניג עס ווערט דערציילט איבער אים אין די תורה. מיר ווייסן אביסל איבער זיין געבוירט און דערנאך פערציג יאר שפעטער האבן מיר דעם אינצידענט ווען ער האט געשלאגן דעם מצרי און דאן איז ער געגאנגען קיין מדין און פערציג יאר שפעטער, ווען ער איז געווען אכציג יאר אלט, הייבט די תורה אן צו רעדן פון אים. דערפאר דארפן מיר פארשטיין אז אלע פאסירונגען וואס די תורה דערציילט איבער אים זענען אויסערגעוועונליך וויכטיג פאר אונז.

ס'איז נישט קיין ספק אז משה רבינו האט אין די דאזיגע אכציג יאר געטון אומצאליגע מעשים. אויב מיר וואלטן געקענט האבן א ביאגראפיע, וואלט עס געווען א גאנצע תורה פון אויסערגעווענליכע פירונגען און שלימות'דיגע השגות, אבער פון די אלע זאכן האט די תורה אויסדערוועלט בלויז אפאר מעשים, עטליכע עפיזאדן, איז דארפן מיר פארשטיין אז די דאזיגע עפיזאדן זענען פון העכסטן וויכטיגקייט פאר אונז. דאס איז תורה פאר אונז צו לערנען.

## דער אנהייב

אלזא, אויב קוקט איר אריין אין חומש וועט איר גלייך זען אז ממש די ערשטע זאך וואס ווערט דערציילט איבער משה, די ערשטע זאך וואס ער האט געטון אליין נאך וואס ער איז געווארן ערוואקסן, איז **וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה** - ווען משה איז גרויס געווארן, **וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו** - איז ער ארויסגעגאנגען צו זיינע ברידער, **וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם** - און ער האט געקוקט אויף זייער שווערע לאסט (שמות ב:יא).

די ווערטער זענען אזוי וויכטיג, אז אויב מיר וואלטן זיי ווען אויסגעפארעמט אין קופער, בלויז די ווערטער, **וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו**, וואלט עס געווען גענוג פאר אונז צו דורכלערנען אן א סוף. דאס איז דער אנהייב פון זיין וועג. דאס איז געווען די ערשטע אייגן באוואוסטזיניגע זאך וואס מיר ווייסן איבער אים. אלע אנדערע זאכן וואס מיר ווייסן פון פריער זענען געווען זאכן וואס זענען געטון געווארן צו אים. ער איז געווען א בעיבי. ער איז געווען באהאלטן. ער איז אריינגעלייגט געווארן אין א קאסטן. ער איז געטראפן געווארן דורך די טאכטער פון פרעה. די אלע זאכן האט נישט משה רבינו געטון. עס איז געטון געווארן צו אים. וואס איז געווען זיין ערשטער באוואוסטזיניגער אקט? **וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו**, ער איז ארויסגעגאנגען צו זיינע ברידער.

אלזא, לאמיר ערשט פארשטיין, אז עס איז נישט געווען קיין שום סיבה פארוואס משה רבינו זאל ארויסגיין און זיך אינטערעסירן אין זיינע אונטערדריקטע ברידער. ער האט געלעבט ווי א פרינץ, א באליבטער ערציאונגס זון פון די טאכטער פון פרעה און איר קענט זיכער זיין אז ער האט געקענט גענيסן פון אלע לוקסוס וואס עס קען זיך פארגלוסטן פאר א פרינץ.

און דערפאר האט משה נישט געהאט קיין שום סיבה צוליב וואס ארויסצוגיין און ארויסווייזן מיטגעפיל מיט די אידן. ער איז געווען פארזיכערט און באשיצט אין פאלאץ, אן אריסטאקראט וואס איז באפרייט פון אלע מוטשענישן פון די אידן, אינגאנצן פריי פון יעדן עול פון אונטערדריקונג. וואספארא געשעפט האט ער מיט די דאזיגע ארעמע מענטשן וואס ווערן געפייניגט ערגעץ אינדרויסן פון פאלאץ?

## דער אידישער פאטריאט

דער ענטפער איז, אז משה רבינו האט געהאט א געוויסע מידה, א געוויסער גוטער צוגאנג - ער האט ליב געהאט זיין פאלק מיט זיין גאנצע הארץ. אודאי איז עס געווען ווייל ער האט ליב געהאט דעם באשעפער אבער איין אופן ווי אזוי ער האט ארויסגעוויזן די דאזיגע ליבשאפט איז געווען דורך זיך אננעמען פאר זיין פאלק. אויב לערנט איר אדורך משה רבינו'ס לעבן וועט איר זען אז דאס איז דער גאלדענער פאדעם וואס לויפט אדורך זיין גאנצע היסטאריע - ער איז געווען א פאטריאט פאר כלל ישראל.

למעשה, מענטשן הייבט לערנען אינגאנצן נישט אפ פאטריאטיזם אלס א מידה - דאסווארט 'פאטריאט' האט שוין פארלוירן זיין ווערד. אויב גייט איר אראפ אויפ'ן גאס פאכענדיג מיט אן אמעריקאנער פאן, דאן וועט איר זיין דער ציל-ברעט צו אלע ליידיגגייערס. די קרומע ליבעראלן ווילן עס מאכן אלס א פארברעכן. איין טאג וועלן זיי וועלן איינזעצן א מענטש פאר'ן ארויסהענגען די אמעריקאנער פאן פון זיין באלקאן.

למעשה, איך גיי נישט זאגן אז צו זיין א פאטריאט פאר אמעריקע איז די גרעסטע מצוה אין די וועלט אבער ס'איז זיכער א גוטע מידה. נאך אלעם, אמעריקע איז א גוטע לאנד. מיר זענען געקומען פון לענדער וואו מיר זענען געפייניגט געווארן און דאס לאנד האט אונז געגעבן אלע רעכטן. איך בין געווען אין אייראפע פאר א שטיק צייט, איך בין געפארן לערנען אין סלאבאדקער ישיבה, און ווען איך בין צוריקגעקומען האב איך נאכמער איינגעזען אז עס איז א געבענטשטע לאנד.

אבער איך דערמאן פאטריאטיזם צו אמעריקע בלויז אלס א ביישפיל, א שוואכער ביישפיל צו דער מושג פון פאטריאטיזם. אבער להבדיל ווען די דאזיגע מידה, דער צוגאנג פון פאטריאטיזם, ווערט ארויסגעוויזן פאר דעם עם ה' - און ווען עס ווערט געטון צוליב דעם וואס זיי זענען דער עם ה' - ווערט עס דערהויבן צו איינע פון די גרעסטע זכותים וואס זענען פארהאן. צו זיין א פאטריאט פאר דעם פאלק פון באשעפער, דאס איז איינע פון די שענסטע מידות וואס א איד קען קונה זיין.

## זיך אידענטיפיצירן מיט די געפייניגטע

און עס אמת אז משה איז געווען באשיצט אין פאלאץ. ער האט נישט געהאט קיין דאגות. עס האבן אים נישט געפעלט קיין פריווילעגיעס. אבער ער האט געשפירט א דרוק ארויסצוגיין העלפן זיינע ברידער. זיין מאמע איז אויפגענומען געווארן אלס זיין הייבאם - זי האט שטענדיג אריינגעמורמלט אין זיין אויער. זי האט אים געזאגט אז ער איז א איד, זי האט גערעדט צו אים איבער וואס עס מיינט צו זיין דאס אויסדערוועלטע פאלק. אפילו ווען ער איז אויפגעוואקסן האבן מרים און יוכבד אריינגעשמוגלט ווערטער צו אים אין פאלאץ. עס האט אריינגעדרונגען אין זיין בלוט און זיין געטריישאפט צו זיין פאלק האט אים נישט געלאזט רוען. עס איז געווארן די סיבה צו זיין עקזיסטענץ. ער האט געברענט מיט התלהבות, "וואס קען איך טון פאר זיי?" יא, ער איז געווען אין פאלאץ, אבער זיין מח איז געווען אינדרויסן מיט זיינע ברידער.

דאס איז פארוואס, ווען ער איז אויפגעוואקסן, **וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם** - ער איז ארויסגעגאנגען צו זיינע ברידער און געזען זייער לאסט (שם.). עס שטייט נישט, **וַיֵּצֵא אֶל הָעִבְרִים**, ער איז ארויס צו די עברים, אדער **וַיֵּצֵא אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, ער איז ארויס צו די בני ישראל. עס שטייט **אֶל אֶחָיו** - צו זיינע ברידער.

אה! א ברודער! דאס איז שוין אינגאנצן אן אנדערע מעשה. "דאס זענען מיינע ברידער," האט משה געזאגט, "די מענטשן וואס זענען איבערגעבויגן מיט שווערע משאות, בויענדיג מיט ליים און ווערנדיג געשלאגן, דאס איז מיין פאלק."

## זען די ליידן

און אזוי איז משה ארויס פון פאלאץ און ער איז ארויסגעגאנגען צו זיינע ברידער צו זען וואס זיי מאכן. **וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם** - משה רבינו האט געזען אין זייערע משאות. ער האט נישט געזען זייערע משאות, ער האט געזען אין זייערע משאות, אין זייערע ליידן. איר ווייסט, ס'איז מעגליך צו וויסן פון איינעם'ס ליידן, אבער ס'איז א גרויסער אונטערשייד אויב ער קוקט אריין אין יענע מענטש'ס ליידן. אויב ביסטו מצליח צו נעמען א רייכער מענטש מיט דיר צו די וואוינונגען פון די ארעמע און ער וועט קוקן אויף זייערע ליידן, וועט ער שרייבן א גרעסערן טשעק ווי ווען ער זיצט אין זיין אפיס באקוועם און איר בעט ביי אים געלט פאר די ארעמע.

און דאס איז וואס משה רבינו האט געטון. ער איז ארויסגעגאנגען. נישט בלויז האט ער געזען ווי זיינע ברידער ארבעטן אונטער א שווערע לאסט, נאר ער האט געזען אין זייערע ליידן, דאס מיינט אז ער האט מיטגעשפירט, ער האט געפילט צוזאמען מיט זיי.

"וואס פאסירט מיט מיינע ברידער?! זיי הארעווען, זיי מאכן ציגל און שלעפן שווערע משאות." און זיין הארץ האט אים אנגעהויבן ווי טון פאר זיינע ברידער. ער האט פארגאסן טרערן (שמות רבה ב:כז).

## דער אומגעוועגליכער פרינץ

אבער ער האט נישט בלויז געקוקט אויף זיי און געקרעכצט און פארלאזט טרערן און דאן צוריקגעגאנגען אין פאלאץ. ער האט מער נישט געקענט רוען - ער האט זיי געזען שלעפן שווערע משאות אויף זייערע פלייצעס און ער האט געפילט אז עס איז זיין פליכט צו טון עפעס. "לאמיר העלפן, מיינע ברידער. איך וועל עס שלעפן פאר אייך. איך האב א גוטע פלייצע, איך קען עס שלעפן פאר אייך." און ער האט אריינגעשטעקט זיין פלייצע אונטער'ן לאסט - ער האט אויפגעהויבן די לאסט און עס געשלעפט.

אלזא, ווען דער מצרי'שער אויפזעער האט דאס געזען איז ער געווארן דערשראקן. "פרינץ! ס'איז נישט פאר דיר צו ארויסהעלפן די אונטערטאנען. ביטע שטיי אוועק. ביטע פרינץ, בלייבט אין א זייט."

אבער משה האט געזאגט, "עס מאכט נישט אויס." און אזוי, משה רבינו, ער טראגט זיינע קעניגליכע קליידונג אבער ער שלעפט שווערע לאסטן פון ציגל; די שמוציגע ליימענע ציגל זענען אויף זיינע פלייצעס און ער קלעטערט אינאיינעם מיט זיינע אונטערדריקטע ברידער. ער שלעפט די לאסט און קלעטערט אין דער זייט פון זיי. ער שמייכלט צו זיי! ער מוטיגט זיי! און א נייער ליכט האט אויפגעשיינט אין זייערע אויגן. "דער פרינץ איז ארויסגעקומען פון פרעה'ס פאלאץ און ער שלעפט אונזער לאסט!" אפשר וועלן די מצריים אויפהערן זיי צו פייניגן.

און דאס איז געווען דער אנהייב, די ערשטע ליכט פון די גאולה. און עס איז געווען דער אנהייב פון זיין אויסשטייגן צו דאס וואס ער וועט איין טאג ווערן.

# חלק ב. זיי מחזק דיינע ברידער

## און ערשטער טריט צו גרויסקייט

למעשה, משה רבינו, ווען ער איז ארויסגעגאנגען צו העלפן זיינע ברידער איז ער נאכנישט געווען קיין נביא. ער איז נאך אינגאנצן נישט געווען נאנט צו די מדריגה צו וואס ער איז צוגעקומען פערציג יאר שפעטער ווען דער באשעפער האט גערעדט צו אים ביי די סנה. ווען ער איז ארויסגעקומען פון פרעה'ס פאלאץ איז ער געווען גאנץ נאנט צו וואס מיר באטראכטן אלס א געוועלנליכער מענטש.

און ער אליין האט קיינמאל נישט גע'חלומ'ט צו וואו דער ערשטער טריט וועט אים פירן. אבער דאס איז וואס די תורה וויל מיר זאלן וויסן; אז ווען ער האט אראפגענומען די לאסט פון זייערע אפגעמוטשעטע און איבערגעבויגענע פלייצעס און ער האט עס ארויפגעלייגט אויף זיינע יונגע שטארקע פלייצעס און עס געשלעפט פאר זיי, דאס איז געווען דער ערשטער שריט צו **פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ**, צו קענען רעדן מיט'ן באשעפער פנים צו פנים.

**רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁסָּר מֵעֲסָקָיו לִרְאוֹת בְּסִבְלֹתָם** - דער באשעפער האט געזען אז משה האט זיך אוועקגעקערט פון זיינע ענינים צו זען די לאסט פון זיינע ברידער, **לְפִיכָךְ וַיִּקְרָא אֵלָיו אֱלֹקִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה** - דערפאר האט דער באשעפער אים אויסדערוועלט צו רעדן צו אים פון צווישן דעם דארן בוים (שמות רבה ב:כז).

## יעדער קען ווערן ספעציעל

אלזא, עס מיינט נישט אז אויב דו ווערסט ארויסגיין אין גאס און דו ווערסט שלעפן רענצלעך פאר אלטע מענטשן אדער העלפן אלטע מענטשן מיט איינקויף וועגעלעך, דאס אליין וועט דיר מאכן גרויס. אבער דער דרך, דער רצון צו העלפן, איז זיכער א פאנדומענט פון גרויסע זאכן. רבי שמחה זיסל פון קעלם (חכמה ומוסר א:א-ג) האט דאס געזאגט. ער האט באטאנט אז דאס איז די לערע פון די תורה דא, פון די מעשה פון משה - אז אויב איז מען **נושא בעול עם חבירו**, אויב דו קענסט מחזק זיין דיין חבר וואס מוטשעט זיך, דאס איז א גרויסע הכנה צו וואקסן אן עבד ה'.

און ס'איז אזוי וויכטיג צו וויסן אז יעדער קען זיין ווי משה. דער רמב"ם אין הלכות תשובה זאגט אז "יעדער איד קען זיין א צדיק ווי משה רבינו." למעשה, ער זאגט נישט אז דו קענסט זיין א נביא אדער חכם ווי משה - נישטא וואס צו פראבירן. אבער א צדיק, אן עבד ה', דאס קענסטו פראבירן - ס'איז מעגליך. יעדער קען אויסשטייגן דורך מחזק זיין אנדערע אידן.

## יעדער קען ניצן חיזוק

חיזוק! ס'איז א געוואלדיגע זאך ווייל יעדער אין די וועלט, פון אויבן אראפ, קען ניצן רייד פון חיזוק. אפילו דער פרעזידענט פון אמעריקע ווארט אויף א גוט ווארט. גלייבט מיר - אויב שיקט איר א קארטל צו מר. ... וואס איז זיין נאמען? שיק א בריוו צו דאנעלד... צו ראנעלד, ער וועט עס שעצן.

שיק א בריוו צו מר. רעיגען, פארוואס נישט? איך האב אמאל געשיקט א קארטל צו פרעזידענט טרומאן, לאנג צוריק, ער האט עס געשעצט. זיין געהילף האט מיר צוריקגעשיקט א דאנק בריוו. טראכט נישט אז זיי איגנארירען די בריוון. גלייב מיר די בריוון ווערן אנערקענט, פון דעם פרעזידענט אראפ צום גאסן קערער, ווערט חיזוק געשעצט.

דאס איז זייער א וויכטיגער מוסר השכל וואס מיר לערנען אצינד. אויב ווילט איר נעמען דעם ערשטן טריט צו גרויסקייט, דעם זעלבן טריט ווי משה אונזער לערער האט גענומען, דאן גייט ארום אין דער וועלט מוטיגן יעדן.

## חיזוק אינדערהיים

אצינד, איך וויל מענטשן זאלן דאס אויסהערן - פארהייראטע פאר-פעלקער, פאמיליעס, אינגלעך און מיידלעך - יעדער זאל דאס ערנסט אויסהערן ווייל אין פיל שטיבער פארברענגען די מענטשן זייערע לעבנס טוענדיג דאס פארקערטע. און דאס איז א טראגעדיע ווייל א אידישע היים איז דער ארט וואו די דאזיגע פליכט פון מוטיגן אנדערע קען דאס בעסטע ווערן אויסגעפירט. נישטא נאך אזא געלעגנהייט צו אויסשטייגן א משה רבינו, וואס איז אזוי אנגעלאדנט און פרוקטבאר מיט אופנים ווי אזוי דאס אויסצופירן, ווי אינדערהיים. און דערפאר דארף דער יסוד פון מוטיגונג זיין איינע פון די פאנדומענטן פון א אידישע היים.

דיין ארעמער מאן ווען ער קומט אהיים מיד פון א טאג אין כולל אדער א טאג אין פאבריק, אדער דיין ארעמע ווייב נאך א טאג אין קאך מיט די קינדער, אויב ביסטו גרייט צו מנדב זיין איינס אדער צוויי ווערטער פון חיזוק, דארפסטו וויסן אז דו ביסט קונה גרויסקייט און שלימות.

למעשה, ווי אזוי פונקטליך די חיזוק ווערט געגעבן, דארף יעדער ניצן זיין אדער איר אייגענער פארשטאנד. אבער ס'איז דא איין פשוט'ער און גרינגער אופן, און דאס איז קאמפלימענטן. ס'איז נישט גענוג אויב דו טענה'סט זיך נישט, דו באשולדיגסט נישט און דערנידערסט נישט. ליידער ווערט דאס אויך געטון - ס'ווערט געטון א גאנצע צייט אין פיל הייזער, און די דאזיגע מענטשן זענען א געוויינליכער דורכפאל. זיי קענען זיין ערפאלגרייך אין אנדערע זאכן, אין אנדערע אופנים פון עבודה, אבער אויב מענטשן דערנידערן איינער דעם צווייטן, דאס מיינט אז זיי טוען דאס פארקערטע פון דעם גרויסן פליכט, די געוואלדיגע אויפגאבע פון עידוד, חיזוק, וואס דער באשעפער פארלאנגט.

## קאמפלימענט דיין ווייב!

יעדער מענטש וואס האט חתונה דארף האלטן אין קאפ אז עס איז נישט גענוג אז ער איז נישט עובר אויף דעם אין נעגאטיוון אופן. ס'איז אזוי גרינג זיך איינצוקויפן עולם הבא אויב א מאן וואלט זיך געמאכט א פליכט פון צייט צו צייט צו געבן פאר זיין ווייב א קאמפלימענט. דאס איז די ווייי געשריי פון זייער פיל פרויען: "ער האט מיר נאך קיינמאל נישט געגעבן א קאמפלימענט."

למעשה, דער מאן איז אן אויפריכטיגער מענטש. ער איז נישט קיין אויבערפלעכליכער מענטש, און ער באטראכט עס אלץ נאריש. ער טראכט, "דו ווייסט אז איך שעץ אלעס, איז אויף וואס מאכסטו מיר משוגע?" אבער ווייל ער שפארט זיינע ווערטער גייט דאס לעבן ווייטער מיט פארפאסטע געלעגנהייטן, פארלוירענע געלעגנהייטן צו זיין אן עבד ה'.

## בעסער ווי דיאמאנטן

זארג נישט צופיל אויף דיאמאנטן; דיאמאנטן מאכן קיינעם נישט פריילך. עס זענען דיאמאנט ווערטער וואס מאכן אויס! ווען זי גרייט צו נאכטמאל דארף ער איר מוטיגן. אויב דיין ווייב קאכט דיר א גוטע מאלצייט, מאך זיכער צו זיין ברייט, איר צו באשאטן מיט לויב. אויך אויף אנדערע זאכן - ס'איז דא אסאך וואס אויסצולויבן דארט.

ס'איז נישטא קיינער אין דער וועלט וואס האט נישט א תשוקה אויף חיזוק. און פארוואס זאל די ווייב זיין אנדערש? און דערפאר, די אידישע פרוי וואס פירט ערפאלגרייך די הויז - אדער אפילו נישט ערפאלגרייך, אבער זי פראבירט - מ'קען איר מאכן פריילך אפילו אן קיין שום מתנות. אודאי אויב איר מאן געדענקט פון צייט צו צייט איר צו קויפן קליינע נישט צו טייערע מתנות, איז פאסיג דאס צו טון, אבער עס זענען די קאמפלימענטן און חיזוק וואס מאכן די מערסטע אויס.

סיי וואס זי טוט, דארף ער איר אויסלויבן. **קָמוּ בָנֶיהָ וַיְאַשְּׁרוּהָ בַּעְלָהּ וַיְהַלְלָהּ.** דאס איז וואס שטייט אין משלי ווען מ'טוט שילדערן די אשת חיל. "איר מאן און אירע קינדער שטייען אויף און לויבן איר מיט באגייסטערונג."

## די קלוגע פרוי

און אזוי אויך די פרוי, גארנישט ווייניגער, דארף עס מאכן אלס איר פליכט צו שטענדיג זוכן געלעגנהייטן צו אריינווארפן א ווארט פון חיזוק פאר איר מאן. געוויסע מענער ווען זיי האבן עפעס א דורכפאל און זיי דארפן א טרייסט קענען זיי נישט אהיימגיין זיך אויסרעדן צו זייערע ווייבער ווייל פרויען וועלן עס צומאל אויסניצן צו שיטן זאלץ אויף זיינע וואונדן.

אבער אויב א פרוי וואלט זיך געלערנט איר ראלע, איר ראלע אלס א פארטרויאונגס פרוי, קען זי אויסוואקסן א משה רבינו. זי דארף נעמען אויף זיך די ראלע פון א מוטיגערין און בארואיגן אויף אלעם - אים שטענדיג צו זאגן, "ס'איז נישט אזוי געפערליך, דו וועסט עס באלד פארגעסן." "יענער מענטש האט עס נישט געמיינט אויף דעם וועג וואס דו טראכסט אז ער האט געמיינט," אדער "ער איז נישט גערעכט און דו ביסט גערעכט און איך ווייס אז צום סוף וועלן זיי אנערקענען אין דיינע פעאיגקייטן."

דאס איז דער תפקיד פון די קלוגע פרוי. דאס איז די **חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ;** א קלוגע פרוי בויעט איר הויז מיט חיזוק, און חיזוק אליין. און אפילו אין די זאכן וואו עס פאדערט זיך א תיקון, אויב דער מאן דארף זיך פארבעסערן, דער בעסטער וועג צו באקומען רעזולטאטן איז צו געבן א שטויסקראפט פון חיזוק. אויב ער טוט עפעס וואס זעט נאר אפילו אויס ווי דאס וואס דו האסט געוואלט ער זאל טון, לויב אים דערפאר, און דו וועסט זען אז ער וועט פראבירן דאס בעסטע צו טון נאכמער.

## א באלאנסירטער חינוך

נישט נאר דיין מאן/ווייב. ס'איז א געוואלדיגע מצוה, א ריזיגער טריט צו גרויסקייט, אויב וועסטו מוטיגן דיינע קינדער. קינדער האבן אויך א לאסט; דאס זענען אפשר נישט זאכן וואס

זענען פאר אייך א לאסט אבער אין זייערע אייגענע אויגן האבן זיי א גרויסע לאסט. און איר קענט אונטערלייגן אייער פלייצע אונטער זייערע שווערע פעקלעך און פארלייכטערן זייער לאסט דורך זיי מוטיגן מיט גוטע ווערטער. און קינדער וואס ווערן געמוטיגט אין זייער היים לערנען בעסער. זיי זענען מער צוזאמגענומען אין זייערע געוואוינהייטן. זיי טוען מיטארבעטן אויב זיי ווערן געמוטיגט.

אודאי טוט דאס נישט אויסשליסן דאס געבן א פאטש. א פאטש איז א געזונטע זאך; עס האט פארדינסטן. א טאטע האט אן אחריות צו האדעווען זיינע קינדער; ער מוז זיי דיסציפלינירן. ער קען זיי נישט לאזן וואקסן הפקר ווי דערנער. אודאי אין אמעריקע היינט איז פארבאטן צו זאגן אזעלכע ווערטער פון 'כפירה' אבער א פאטש האט פארדינסטן - נאר מען דארף וויסן ווען און ווי אזוי; מיר האבן עס שוין באשמועסט דא פיל מאל.

אבער אין מערסטנס צייטן איז א גלעט אויף די באקן דער בעסטער אויסוואל. א ווארעמער גלעט און ווערטער פון חיזוק קענען באווייזן וואונדער. און די קינדער אויך, צווישן זיך דארפן זיי דערמאנט ווערן צו מוטיגן איינער דעם צווייטן. אודאי, געוועגליך וועלן זיי קוקן אויף אייך ווי איר זענט אראפגעפאלן פון די לבנה. "וואס חיזוק? מיר טענה'ן זיך נאר און קריגן זיך." אבער זאגט עס סייווי - עס גייט אריין, עס גייט אריין.

ווען קינדער ווערן אויסגעלערנט צו מוטיגן איינער דעם צווייטן, צו זאגן קאמפלימענטן איינער פאר'ן צווייטן, און די עלטערן טוען עס אויך, דאן ווערט דאס הויז א פריילעכער ארט, אן ארט פון עבודת ה'.

## חיזוק אין שולע

אבער ס'איז נישט נאר אינדערהיים. די גאנצע וועלט חליש'ט אוועק פאר חיזוק, פאר גוטע ווערטער. עס זענען דא אסאך בחורים אין ישיבה וואס וואלטן געהאט ריווח פון גוטע ווערטער. אזויפיל בחורים קענען עס ניצן.

און דערפאר, אויב ביסטו א מגיד שיעור, קוק זיך ארום. דיינע תלמידים דארפן חיזוק. ס'זענען דא אזעלכע וואס קומען זיך נישט אזוי גוט אדורך, געוויסע זענען דערשלאגן, געוויסע זענען צעבראכן צוליב אומשטענדן אינדערהיים. ביי געוויסע הערשט ארעמקייט. געוויסע זענען נישט געזונט. געוויסע האבן שוועריקייטן מיטצוהאלטן מיט די לימודים. איז זיי א משה רבינו!

מוטיג דיינע חברים אין ישיבה. מיידלעך, זייט מחזק אייערע חבר'טעס אין שולע. נישט נאר אייערע חבר'טעס - עס זענען דא פיל וואס ווערן פארלוירן; זיי מוטשענען זיך. איר ווייסט וויפיל איר קענט אויפטון אויב איר זאלט זאגן אפאר ווערטער פון חיזוק צו פארגרינגערן זייער לאסט? עס זענען דא אזויפיל געלעגנהייטן דארט.

אויך דיין רבי. ער דארף האבן פרנסה, איז מאכט זיכער אים נישט צו אנטמוטיגן. שעץ אים און מאך אים פילן גוט. נאכ'ן שיעור גיי אריבער צו אים און זאג, "רבי, איך האבן הנאה געהאט פון אייער שיעור" - אפילו אויב דו האסט נישט. ס'איז א מצוה צו זיין א מעודד ענוים, צו מוטיגן די צעקלאפטע.

### גיי אויפ'ן וועג פון גרויסקייט

אויך אינדרויסן פון בית המדרש, אויפ'ן גאס. אודאי, אפילו אויפ'ן גאס, אפילו אויפ'ן באס, אויב דו זעסט איינער וואס איז דערשלאגן און צעקלאפט און דו קענסט זאגן אפאר גוטע ווערטער, ס'איז נישט קיין ספק אז דו האסט געגעבן א גרויסע נדבה.

עס איז נישט פארהאן קיין מענטש וואס טוט נישט געניסן פון באקומען אפאר טראפנס פון גוטס אויף זיין זעל - ס'איז א וועלט וואו יעדער האט עפעס פראבלעמען, געוויסע זארגן און שוועריקייטן און יעדער מענטש האט הנאה פון אפאר גוטע ווערטער. אויב דו לייגסט צו קאפ דערצו, קענסטו אלעמאל טרעפן אפאר ווערטער צו זאגן, עפעס צו מחזק זיין, צו באדואיגן, צו לייגן אביסל זאלב אויף זייערע וואונדן און זיי צו מוטיגן.

דאס איז א וויכטיגער מוסר השכל וואס מיר לערנען פון משה רבינו'ס מעשה. אונזער תפקיד אויף די וועלט איז צו פארלאזן די באקוועמליכקייט פון אונזער פלאץ און זען וואס טוט זיך אינדרויסן ביי אונזערע ברידער. וַיַּרְא; און נישט בלויז צו זען אבער צו טראכטן איבער וואס דו קענסט זאגן צו פארלייכטערן זייער לאסט ווי ווייט מעגליך. און די געוואלדיגע פירונג, דאס איז דער ערשטער טריט צו גרויסקייט אויף דער וועלט און אויף דער אנדערער וועלט.

# חלק ג. שמייכל צו דיינע ברידער

### אלע סארטן מענטשן

איר ווייסט, אויב איר באטראכט מענטשן וואס שפאנען אראפ אושען פארקוועי, דא די אנדערע זייט טיר, וועט איר זען אז עס זענען דא אלע סארטן מענטשן. טייל זענען מיד. טייל זענען טרויעריג. טייל זענען פארמאטערט. טייל פון זיי זענען ארויסגעלאפן פון הויז פאר פרישטאג און זיי זענען הונגעריג. טייל זענען דארשטיג. טייל זענען דערשלאגן. דער אמת איז, אז אפילו די פרייליכע קענען ניצן אן ערהייבונג.

איז לאמיר זאגן אז דו האסט באשלאסן יעצט אז דו ביסט אין דער גוסטע צו נאכמאכן משה רבינו און אויפהייבן דעם גייסט פון א צווייטן איד. מיר האבן צוזאמען גערעדט פון די נושא פאר אביסל צייט און דו ווילסט אויספירן דעם געוואלדיגן ענין למעשה. זייער גוט; פארוואס נישט?

### פארדינסטן פון מילך

איז גייסטו צו די גראסערי און דו קויפסט, לאמיר זאגן, א קעסטעל J&J כשר'ע מילך און דו שטייסט ביים ווינקל פון קינגס הייוועי און אושען פארקוועי דערמיט און דו האסט אויך א זעקעל מיט גלעזלעך און יעדער מענטש וואס גייט פארביי געבסטו אים א גלאז פרישע מילך.

א גלאז מילך איז זייער א גרויסע זאך - אין פאל איר טרינקט נישט קיין מילך, איז עס א גוטע עצה צו אנהייבן. מילך שטעלט צו פאר א מענטש פיל וויכטיגע מאטריאלן, וויכטיגע נערונגען פאר'ן קערפער. ס'איז פול מיט קאלציום. קאלציום ווערט נאכאנאנד ארויסגענומען פון אונזערעביינער בשעת מיר גייען אן מיט אונזער לעבן און עס דארף ווערן איבערגעפרישט. מילך טוט די

פעולה פאר אייך.

אויך אייערע ציין; די קאלציום און קאסיין און פאספאר אין די מילך באשיצן די ציין; עס האלט עס געזונט. און ווי נאר די מילך גייט אריין און עס ווערט איינגעזאפט דאן געבט די פראטעין דערפון גלייך אן איבערפרישונג צו אייערע מוסקלען - בשעת די קאסיין ווערט שטייטעלעך צענומען, שטארקנדיג אייערע מוסקלען א גאנצן טאג מיט א נאכאנאנדע צושטעל פון וויטאמינען - אפילו בשעת איר שלאפט ארבעט די קאסיין אייך צו שטארקן.

און דערפאר, בשעת די גלאז מילך פליסט אראפ אין די העלזער פון די וועלכע געניסן פון אייער גוטסקייט, געבט עס זיי כח. א גאנצער לאנגער טאג וועט דער מענטש פונקציאנירן מיט דעם כח פון די מילך וואס איר האט אריינגעגאסן אין אים. איר מאכט אים ענערגיש. איר מאכט אים געזונט. איר מאכט אים פרייליך.

## אייביגע שכר

און ווען איר טוט עס אויף א ברייטן פארנעם צו זייער פיל מענטשן - איר געבט מילך צו יעדן וואס גייט אייך פארביי - דאן זענט איר א ריזיגער וואוילטוער צו די מענטשהייט. נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, ווען איר וועט פארלאזן דער וועלט, זאלן זיך די מענטשען צאמנעמען און אויפשטעלן א סטאטוע פאר דיך אויף אוישען פארקוועי און קיגאס הייוועי פאר אלע דורות צו זעהן. מען וועט מאכען א קליינע גארטען און אלע מענטשען וועלן דארפען גיין א אומוועג ארום די סטאטוע פון א מאמאערנע מענטש וואס שטייט און גיסט מילך אין א מארמאערנע גלעזל. מענטשן וועלן פאראייביגן אייער זכרון. מ'וועט רעדן פון אייך שטענדיג: "איר געדענקט דעם מענטש וואס פלעגט שטיין דארט אנגיסנדיג פאר אונז גלעזער מיט מילך? אהה! דער מענטש האט געמאכט מיין טאג יעדן טאג. ער האט אראפגענומען א לאסט פון מיינע פלייצעס."

דער אמת איז אז זיין שכר וועט זיין פיל מער ווי א סטאטוע אויף יענער וועלט. בלויז פאר איין גלאז מילך וועט ער באקומען שכר. אויב טוט ער עס פאר'ן ציבור, וועט ער באלוינט ווערן אויף אייביג און אייביג.

## א געוואלדיגע מצוה אבער נישט לייכט

למעשה, איך וועל נישט זיין דער וואס וועט אייך קריטיקירן אויב איר ווילט נישט דורכגיין די שוועריקייט פון קויפן א קעסטעל כשר'ע מילך און עס שלעפן צום ווינקל פון גאס און שטיין מיט גלעזער אריינגיסנדיג פאר יעדן מענטש. ס'איז אויך טייער. מילך קאסט היינט צוטאגס אסאך געלט. כשר'ע מילך קאסט נאכמער. אלעס קאסט. אבער לאמיר זאגן א מענטש האט דאס געלט עס צו טון און ער האט די צייט אבער ער טוט עס נישט; צי וועט ער אויפגעפאדערט ווערן אויף דעם? איך ווייס נישט. איך אליין טו עס נישט, איז וויל איך נישט טראכטן פון וואס וועט זיין.

אבער אט קומט די גמרא און זאגט אונז עפעס וואס איז נאך בעסער ווי מילך. ס'איז ריכטיג, דאס איז א געוואלדיגע זאך - אבער ס'איז דא עפעס בעסער. און דאס איז עפעס וואס איר דארפט נעמען אין אכט פון וואס וועט ארויסקומען פון עס נישט טון ווייל איר האט נישט אויף דעם קיין שום תירוץ.

## בעסער ווי מילך

די גמרא ברענגט דעם פסוק פון פאריגע וואכעדיגע סדרה (בראשית מט:יב), **וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב** - און זיינע ציין וועלן זיין ווייס פון מילך. און די חז"ל (כתובות קיא:) פארטייטשן די ווערטער ווי פאלגענד: **וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב - טוב המלבין שיניים לחבירו**, ס'איז בעסער צו ווייזן דיינע ציין, דאס מיינט אין א שמייכל, צו דיין חבר, **יותר ממשקהו חלב**, מער ווי דער וואס געבט אים צו טרינקען א גלאז מילך.

די גמרא לערנט אונז אז אויב איר שטייט ביים ווינקל פון אושען פארקוועי און קינגס הייוועי און איר שמייכלט א פריינטליכער שמייכל צו מענטשן וואס גייען פארביי, איז עס בעסער פאר זיי, בעסער פאר זייער געזונט, ווי זיי צו געבן א גלאז מילך. עס געבט זיי אן ערהייבונג וואס מילך קען נישט געבן. עס מאכט זיי שפירן אז זיי זענען עפעס. די ווארעמקייט פון פריינטשאפט געבט זיי אזויפיל ענערגיע, אזויפיל פרייליכקייט, אז עס טוישט זיי פון אינעווייניג צו אינדרויסען.

## פארמיידן דאס ערגסטע

עס קען זיין איינער גייט אייך פארביי מיט אן אנידערגעשלאגענעם געמיט. לאמיר זאגן ער האט פראבירט צו טרעפן א לייטישער ארבעטס פאסטן פאר א לאנגע צייט. אלעס אין לעבן גייט אים מיט'ן פיטום אראפ. ער שפירט ווי ער וויל גיין צום טייך און געבן דארט א טאנץ אריין.

און אט גייט ער פארביי א מענטש. ס'איז אייך. איר קענט אים גראדע און איר שענקט אים א פריינטליכער שמייכל. און אצינד ווערט אים זיין גאנצע וועלט אויפגעלויכטן מיט זונען שיין. איר האט נישט קיין אנונג וואס איר האט געטון. איר האט אים געגעבן א נייע אנהאלטונג אין לעבן. ער דרייט זיך אויס און באשליסט צו צוריקגיין און קויפן א נייעס בלעטל צו זוכן פאר נאך אן ארבעטס פארשלאג. און ער הייבט אן זיין לעבן פונדאסניי.

איך טרייב נישט איבער. מענטשן אנערקענען נישט ווי נאכגעלאזט דער געוואלדיגער ענין איז, ווי שטארק וויכטיג עס איז די נושא וואס מיר לערנען אצינד. דער קומענדיגער מענטש וואס גייט דיר פארביי, ער קען זיין אויפגערעגט אויף וואס זיין ווייב האט אים נארוואס געזאגט פאר ער איז ארויס פון הויז. ער גייט אין גאס מורמלענדיג צו זיך און טראכטנדיג פון א וועג ווי אזוי זיך אפצורעכענען. ער טראכט אז אפשר זאל ער כאפן א פליגער קיין לאס אנזשעלעס. אפשר זאל ער אנטלויפן און איר אפטון - ער וועט אודאי צוריקקומען אינעם זעלבן טאג - אבער סיי וואס עס איז, ער גייט און מורמלט אויפ'ן גאס, ער איז פארזונקען אין זיינע פראבלעמען. און אט קומסטו צוגיין און דו ווייזט אים א שמייכל.

## א ווענדפונקט

אלזא, די גמרא זאגט אז אויב דו ווייזט ווייסע ציין. אודאי אויב דו פוצסט דיינע ציין יעדן טאג און דו קענסט ווייזן א ווייסער שמייכל, איז עס בעסער. אבער יעדן סארט. אפילו א געלער שמייכל, א ברוינער שמייכל, איז נאך אלץ זייער א גרויסע זאך. עס געבט אים אן אונטערהייבונג.

צי ווייסט איר נישט וויפיל מאל - אויב לעבט איר שוין א לאנגע צייט, איר קוקט צוריק וויפיל מאל דורכאויס אייער לעבן איז א שמייכל געווען פאר אייך א ווענדפונקט? איר ווייסט וויפיל חיזוק מען באקומט פון א שמייכל?

ס'איז באמת וויכטיג פאר אונז צו דורכלערנען די נושא, צו טראכטן דערפון, ווייל עס שפילט זיך אפ א גאנצע צייט - ס'איז אזוי לייכט אריבערצופירן אט די פרייליכקייט אויף אנדערע מענטשן. איר שפאנט אריין אין אייער אפיס אינדערפרי און איר האט א לעכטיגן שמייכל פאר יעדן מענטש. גייט נישט סתם אדורך איילנדיג און איגנארירנדיג יעדן, צוגייענדיג אזוי צו אייער טיש. מענטשן מיינען אז איר האט זיי נישט ליב. בשעת איר גייט פארביי, שמייכלט צו יעדן מענטשן. און ס'איז קיין שאלה נישט אז איר וועט פארדינען א מצוה. אין אייער אייגענער קליינער פארנעם, זענט איר ווי משה רבינו.

## פארשפרייט זונען שיין

איך זאג אייך נישט דא צו אונטערלייגן אייער פלייצע אונטער זייערע פעקלעך. איך זאג אייך נישט דא צו גיין קויפן מילך און עס אויסטיילן אין פלעטבוש. שמייכלט צו אים, דאס איז עס! ס'איז אזוי לייכט און ס'איז וויכטיגער ווי א גלאז מילך. און דערפאר, וויפיל וועט מען אויפפאדערן א מענטש וואס וויל נישט שמייכלען, צו ווייזן זיינע ווייסע ציין?!

אלזא, זאגט מיר נישט אז מענטשן זענען צו באטריבט. קוקט, אויב איינער קומט אייך אנטקעגן מיט א שטיק האלץ, נאטורליך וועט איר אים נישט מוטיגן, אבער אויב ער גייט אייך פארביי מיט א פארכמורעטע פנים, נעמט איר צוזאם געגוג אויפמערקזאמקייט צו שמייכלען צו אים. ווי עס שטייט אין פרקי אבות, **הֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה,** דו זאלסט באגריסן יעדן מענטש מיט שמחה. יעדער מענטש מיינט אויך מר. זויער פנים. אייגנטליך, ער דארף עס מער ווי סיי ווער.

איר קענט באגיסן מיט פרייליכקייט אין פארעם פון אביסל זונען שיין פון אייער פנים, און דאס איז בעסער ווי א גלאז מילך. מענטשן דארפן אן אונטערהייבונג. אסאך מענטשן טראגן זיך ארום מיט הארצווייטאג און זיי דארפן דאס. ס'איז א פאך וואס וועט מאכן א מענטש ערפאלגרייך אויף דער וועלט.

## אמת'ע גרויסע שמייכלעך

דאס איז ווי אזוי משה רבינו האט אנגעהויבן זיין וועג צו גרויסקייט - דורך מוטיגן און שמייכלען צו זיינע ברידער - און דאס איז ווי אזוי מיר אלע קענען אנהייבן. יעדער איד קען זיין א צדיק ווי משה רבינו; ער קען כאטש פראבירן דורך מוטיגן און העלפן אנדערע.

און איינמאל א מענטש ניצט אויס די מידה ביז'ן סוף, וועט ער ווערן באלוינט אינעם זעלבן מאס. עס שטייט (סוטה א:ז), **במידה שאדם מודד, מודדין לו,** אינעם וועג ווי אזוי א מענטש פירט זיך צו אנדערע, אין דעם וועג פירט זיך דער באשעפער צו אים. נאר דעם באשעפער'ס מעסטונגען זענען גרעסער ווי אונזערע.

און אזוי, אויב וועסטו מאכן דיין פנים שיינען צו אנדערע מענטשן, דאן וועט דער באשעפער אויך שמייכלען צו דיר. איר הערט דאס? טראכט נאר דערפון ווען דו ווילסט עס טון. ווען דו צינדסט אן די זונען שיין און שמייכלסט צו איינעם, דארפסטו וויסן אז דער באשעפער וועט פון אויבן אנצינדן די זונען שיין צו דיר. ער וועט שמייכלען צו דיר. און ווען דער באשעפער שמייכלט, דאן קומען אלע גוטע זאכן.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**וואס איז דער תורה׳דיגער בליק ווי אזוי צו האנדלען מיט דעם פראבלעם פון זיך פילן גע׳פסל׳ט דורך אנדערע?**

**תשובה:**

למעשה, דער באגריף פון זיך פילן גע׳פסל׳ט איז גענומען פון היינטיגע פסיכאלאגיע. אודאי ווילן נישט מענטשן פילן גע׳פסל׳ט, אבער די גאנץ ערשטע זאך פאר אונז צו לערנען איז אז ס׳איז דא בלויז איין בליק ווי אזוי אפצושאצן וואס איז ריכטיג און וואס נישט, און דאס איז מיט׳ן בליק פון תורת ה׳. וואס מענטשן זאגן איז אינגאנצן נישט וויכטיג. ס׳איז נאר וואס דער באשעפער טראכט, וואס מאכט אויס. פונדעסטוועגן זאלן מיר נעמען דעם דעת הבריאות, די מיינונג פון אנדערע, אלס א צייכן אויף עפעס וואס איז מעגליך נישט אזוי גוט ביי אונז. אויב מענטשן האבן עפעס א סיבה אונז אפצושטויסן, קען זייער מעגליך זיין אז עס איז דא עפעס אין אונז וואס דארף פארראכטן ווערן, געהיילט ווערן. דארפן מיר דאס אפלערנען און מיר פראבירן אויסצוגעפינען וואס איז נישט גוט מיט אונז.

אבער לאמיר זאגן אז עס איז נישטא קיין שלעכטס ביי אונז; לאמיר זאגן ס׳איז שלעכטס ביי זיי - לאמיר זאגן זיי פסל׳ן דיר ווייל דו ביסט צו פרום; דאן זאלסטו זיי פסל׳ן - דאס אלעס. פארוואס זאלסטו ווייטער זארגן? כבוד חכמים ינחלו - די וועלכע זענען חכמים, זיי קומט זיך כבוד און דער פאקט אז נאראנים וועלן דיר נישט שעצן איז עס בלויז ווייל זיי ווייסן נישט וועמען צו שעצן. די נאראנים שעצן פארוויילונגס ארטיסטן, זיי שעצן פוס-באל שפילערס; איז לאזט זיי שעצן. זיי זענען נאראנים. אבער איר ווייסט וואס עס פארדינט באמת שעצונג, דערפאר איז דער באגריף פון אפשטויסונג פון אזעלכע מענטשן עפעס וואס מיינט גארנישט.

אויסער אויב חס ושלום די זקני העדה פסל׳ן דיך. דאס איז אויך וואס דו דארפסט זארגן! דער רב פון דיין שול טוט דיר פסל׳ן? דער רבי פון דיין ישיבה פסל׳ט דיר? דאס איז א גרויסער פראבלעם. אה יא!

הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ״ל האט געזאגט אז די מיינונג פון די זקני העדה, פון די זקני העיר, דאס איז דער דעת ה׳. אויב ווילסטו וויסן פון פאראויס ווי אזוי דו וועסט גע׳משפט ווערן אין עולם הבא, דאס וואס די זקני העיר טראכטן איבער דיר, דאס איז ווי אזוי דו וועסט גע׳משפט ווערן אין עולם הבא. דאס איז וויכטיג! אבער דער פאקט אז דער מענטש אדער יענער מענטש טוט דיר אפ׳פסלן, דאס איז באדייטלאז.

וואס טראכטן די חכמי התורה איבער דיר? דו ווייסט נישט? געפין אויס פון די וועלכע זענען די נעענטסטע צו דיר, וואס זיי טראכטן. וואס טראכט דיין רב איבער דיר? למעשה, ער קען דיר באגריסן מיט א פריינטליך פנים און דיר מאכן פילן ווי דו ביסט גאר וויכטיג, אבער די שאלה איז, וואס טראכט ער פאקטיש איבער דיר! פראביר אויסצוגעפינען! און אויב הערסטו אמאל א ווארט פון קריטיק פון אים, זאלסטו עס נעמען ערנסט. זיין אפ׳פסלן מיינט שוין עפעס.